**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/13/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הויבט אן די פערצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו**

***ניו יארק סטעיט קאָנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע יעצט אָפן מיט פינאנצירונג צו באקומען פון מער פון 20 פראגראמען***

***נייע אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם וועט שענקען געלטער פאר פראיעקטן וואס געפונען זיך אין סערטיפייד 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס'***

***נייער פראגראם צו שטיצן קליינע מעניופעקטשורערס אריבער די סטעיט***

גאווערנער האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון די פערצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC) אינציאטיוו. די פערצנטע רונדע רעכנט אריין 445 מיליאן דאלאר אין צענטראלע אינפראסטרוקטורישע גרענט און טעקס-קרעדיט געלטער אויסגעמישט מיט א ברייטע רייע פון פראגראמען פון אכט סטעיט אגענטורן – אריינרעכנענדיג 100 מיליאן דאלאר אין גרענט געלטער פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) – וואס וועלן זיין צו באקומען פאר פראיעקטן אויף אן אנגייענדן פארנעם. די קאונסילס ווערן געמוטיגט צו שטיצן פראיעקטן וועלכע שטופן פאר אדער אדרעסירן סטראטעגישע פריאריטעטן פון די סטעיט, אריינרעכנענדיג קאמיוניטיס אין שווערע מצבים, טשיילד קעיר, נייע סארטן רעגירונג שותפות'ן און גרינע געביידעס און שטאנדהאפטיגע דעוועלאפמענט. פראיעקטן וואס שטופן פאר די ציהלן וועלן זיין בארעכטיגט פאר פארמערטע אנרייץ מאסנאמען.

"די לעצטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו וועט פארזעצן די טראנספארמאטיווע ארבעט וואס מיר טוהען אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע סטעיט אינוועסטירונגען וועלן פינאנצירן פראיעקטן אין סערטיפייד 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' און אנדערע, וועלכע וועלן מוטיגן שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן און האבן א השפעה אויף די טעגליכע לעבנס פון ניו יארקער. איך קוק ארויס צו זעהן פלענער וועלכע וועלן שטיצן קליינע מעניופעקטשורערס, פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר (פלעי גרופּס א.ד.ג.), העלפן בויען א שטאנדהאפטיגע צוקונפט און אויספלאסטערן די וועג צו גלעלגנהייט."

"מיט די לעצטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל אינציאטיוו, טוהען די REDC'ס ווידעראמאל אננעמען אויף זיך די מיסיע צו פארבעסערן זייערע ראיאנען דורך פראיעקטן וואס אדרעסירן אמבעסטן ראיאניש-ספעציפישע באדערפענישן און ארויפבויען אויף לאקאלע שטארקייטן", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "מיט די היי-יאריגע צוגעלייגטע געלטער, ציהלנדיג צו העלפן קליינע מעניופעקטשורערס, וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס און צו שטיצן די

גאווערנער'ס האוזינג און קאמיוניטי אויפלעבונג ציהלן, טוהען מיר כסדר אפשאצן ניו יארקער'ס באדערפענישן און מיר וועלן זיי ענטפערן מיט פראקטישע פלענער."

אין די פערצנטע רונדע קומט די ESD ארויס מיט צוויי נייע גרענט פראגראמען: דער אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס ( Capital Improvement Grants for Pro-Housing Communities) פראגראם און דער קליינע מעניופעקטשורער מאדערניזירונג גרענטס (Small Manufacturer Modernization Grants) פראגראם. ביז אזויפיל ווי 40 מיליאן דאלאר וועט זיין צו באקומען פאר לאקאלע רעגירונגען, קאונטיס און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס דורך דעם אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג גרענטס פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם, צו שטיצן פראיעקטן פון אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונג און בארייכערונג פון עפנטליכע פלעצער וואס ווערן דורכגעפירט אינערהאלב קאמיוניטיס וואס זענען סערטיפייד אלס 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' (pro-housing communities, PHC) דורך די האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes & Community Renewal). דער פראגראם איז אויסגעשטעלט צו דירעקט שטיצן לאקאלע באטייליגונג אין גאווערנער האקול'ס [האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס פראגראם] צו אינוועסטירן אין- און שאפן מער לעבהאפטיגע קאמיוניטיס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די געשאנקענע גרענט סומעס וועלן זיין צווישן $100,000 און $3,000,000.

ביז אזויפיל ווי 10 מיליאן דאלאר וועט זיין צו באקומען דורך דעם קליינע מעניופעקטשורער מאדערניזירונג גרענטס פראגראם, וואס וועט שענקן גרענט געלטער פאר קליינע עלטערע מעניופעקטשורערס אריבער די סטעיט צו אינוועסטירן אין מאדערניזירונג און צו ארייננברענגען פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס. די געשאנקענע גרענט סומעס וועלן זיין צווישן $50,000 און $250,000.

100 מיליאן דאלאר אין ESD גרענט געלטער וועט צוגעשטעלט ווערן אויף אן אנגייענדן פארנעם, מיט גרענטס ווערנדיג פארטיילט דורכאויס דעם יאר. דאס יאר מוזן לאקאלע רעגירונגען זיין סערטיפייד אלס 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' צו קענען אפלייען.

אין צוגאב וועט א צווייט רונדע פון דעם 'וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס אינפראסטרוקטורישע גרענט פראגראם' (Not-for-Profit Capital Grant Program) ארויסלייגן ביז אזויפיל ווי 5 מיליאן דאלאר צו פארטיילט ווערן אין 'מעטשינג פאָנד' גרענטס פאר וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו עקאנאמישע און קאמיוניטי בענעפיטן אין זייער ראיאן כדי זיי צו העלפן מיט פארבעסערונגען און מאדערניזירונגען צו זייערע איינריכטונגען. די געשאנקענע גרענט סומעס וועלן זיין צווישן $25,000 און $100,000.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "אנגעהויבן פון עלטערע פראגראמען ווי Excelsior and Market New York ביז נייע פינאנצירונג וואס שטיצט קליינע מעניופעקטשורערס און האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס — וועט די פערצנטע רונדע פארזעצן צו פאראויס שטופן די סטעיט'ס עקאנאמישע פריאריטעטן אויף א לאקאלע פארנעם דורך די ראיאנישע קאונסילס. די פינאנצירונג קומענדיג פון מערערע אגענטורן וואס וועלן זיין צו באקומען דורך די נייע רונדע פון די REDC איניציאטיוו וועט העלפן ניו יארק סטעיט אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען און עקאנאמישע וואוקס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "עס זענען דא מער פון 50 שוין יעצט סערטפייד 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס', מיט צום ווייניגסטנס נאך 170 ווארטנדיג אין די רייע צו סערטיפייד ווערן. מיט די עפענונג פון ESD'ס נייע 40 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע גרענטס פאר דעם PHC פראגראם און נאך 100 מיליאן דאלאר אין געלטער וואס

זענען געציהלט פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, טוט ניו יארק סטעיט שטיין אין שפיץ וועג ביים באפולמעכטיגן קאמיוניטיס צו אויספלאסטערן זייער אייגענע וועג צו פארפילן זייער פאטענציאל מיט עקאנאמישע וואוקס. עס איז דערפרייענד צו ארויפלייגן די פראגראמען אויף די רעדער אזוי שנעל, און א דאנק גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע אנטשלאסנקייט צו לייזן אונזער האוזינג קריזיס און אונזער צוזאמענארבעט מיט די לעגיסלאטור — וועלן מיר פייערן פארשריט מיט 'הנחת אבן הפינה' און באנייאונג צערעמאניעס און מער היימער פון א גוטע קוואליטעט פאר ניו יארקער אין די נאענטע צוקונפט."

**ראיאנישע סטראטעגישע פלאנירונג פראצעדור ענדערונג**

די 10 REDC's ווערן געוויזן די וועג דורך זייערע ראיאנישע סטראטעגישע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער וועלכע שטרייכן אונטער די אייגנארטיגע אייגנשאפטן פון יעדן ראיאן און לייגן פאר סטראטעגיעס וויאזוי צו איינשפאנען לאקאלע מיטלען צו אויפטרייבן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג און שאפן נייע דזשאבס אריבער די סטעיט. יעדע ראיאנישע קאונסיל וועט באאויפטראגט ווערן צו ארויסקומען מיט א יערליכע באריכט וואס הייבט ארויס די צושטאנד פון זייער ראיאן און פון וויאזוי זיי פירן דורך די איבערגעארבעטע סטראטעגישע פלענער פון די פריערדיגע יאר.

**קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**

די ראיאנישע קאונסילס וועלן גיבן א צייכן פאר פראיעקטן וועלכע ווערן אריינגעגעבן דורך די קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA), די סטעיט'ס פארגרינגערטע אפליקאציע פאר סטעיט מיטלען וואס רעכנט אריין פראגראמען פון מערערע אגענטורן. עס איז אויסגעטשעלט צו געבן פאר פראיעקטן אפליקאנטן שנעלערע און גלאטערע צוטריט צו א ברייטע רייע פון גרענט קאסעס און טעקס קרעדיטס פון צענדליגע עקזיסטירנדע פראגראמען. היי יאר וועט פינאנצירונג זיין צו באקומען פון 8 סטעיט אגענטורן דורך מער פון 20 פראגראמען. ראיאנישע קאונסילס וועלן איבערקוקן פראיעקטן און גיבן א צייכן וואס שפיגלט אפ ווי גוט א פראיעקט איז אין ליניע מיט די ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס.

CFA ווארקשאַפּס וועלן אפגעהאלטן ווערן אריבער די סטעיט פאר אפליקאנטן זיך צו באטייליגן און לערנען איבער פראגראמען וואס ווערן געאפפערט אין די פערצנטע רונדע פון REDC צוזאמען מיט נאך פינאנצירונג געלעגנהייטן פון פארשידענע סטעיט פראגראמען, אריינרעכענענדיג געאפפערטע שטיצע פון די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג ( Office of Strategic Workforce Development) און קליינע ביזנעס פראגראמען פון ESD. א פולע סקעדזשול פון ווארקשאַפּס קען געפונען ווערן [דא](#).

די REDC 2024 אנווייזונג ביכל און א ליסטע פון אנדערע הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען פאר REDC מיטגלידער זענען פארעפנטליכט [דא](#). די CFA געפונט זיך [דא](#); די טערמין ביז ווען אפליקאציעס קענען אריינגעגעבן ווערן איז מיטוואך, יולי 31, 4 נאכמיטאג. אפענע איינשרייבונג פראגראמען זענען נישט אונטערגעווארפן צו די יולי 31 טערמין און וועלן פארזעצן צו אננעמען אפליקאציעס אויף אן אנגייענדן פארנעם ביז די געלטער ווערן אויסגענוצט.

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ביז היינט, דורך די REDC איניציאטיוו, איז מער ווי $8 ביליאן שוין געווארן געשאנקען צו מער ווי 9,900 ארבעט שאפונג און געמיינדע אנטוויקלונג פראיעקטן ביישטענדיג מיט יעדע ראיאן'ס סטראגעגישע פלאן.

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**

דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט׳ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן איופדאסנייע אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף [regionalcouncils.ny.gov](regionalcouncils.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()